# קול צעקה - א ווי געשריי

בס"ד

## א שרעקליך עפיזאד וואס דער באטרעפנדער אליינס באשרייבט:

איך בין געקומען אהער (אין אמעריקע) צוליב א שידוך וואס מען האט מיר אנגעבאטן. מיין לערערין האט געקענט דעם בחור נאך פון אלץ אינגל, אלץ א פיינער אינגל און דערנאך א פיינער בחור, בין איך געפארן זיך טרעפן.

באלד ביים אנקומען האב איך אויסגעפונען אז מען האט מיר אפגענארט. מען האט מיר צוגעזאגט א רייזע-בילעט הין און צוריק. און געקראגן האב איך נאר אויף איין וועג און אויך דאס האבן זיי נישט באצאלט.

מען האט מיר געגעבן א צימער אין ווילאסבורג (ביי ...), און גלייך בין איך געפארן קיין מאנסי זיך צו טרעפן מיטן "רביץ". די פרוי האט מיר געזאגט אז מען רופט אים נישט "הרב האלבראנע" נאר "דער רבי", און אויך איר - די פרוי - רופט מען "די רביצין". דאס האט מיר נישט פארדראסן, מילא, מענטשן האבן ליב אביסל כבוד.

ער האט מיט מיר גערעדט נאענט צו זעקס שעה, ביז 4 פארטאג, 4 אזייגער האב איך זיך געטראפן מיטן בחור, און אינדערפרי בין איך גלייך צוריקגעפארן קיין וויליאמסבורג.

ער האט דערהויבן און משבח געווען דעם בחור אלץ זייער א פיינער. ער האט מיר געזאגט אז ער זעט אז איך בין קלוג און געלונגען און איך וועל אים העלפן אויפשטעלן א מיידל-סקול. אויך האט ער געזאגט אז ער האט געקענט מיין פאטער.

ער האט מיר אויסגעפרעגט אלץ וואס נאר מעגלעך, אפילו פריוואטע זאכן. אנדערע זאכן האב איך אים דערציילט און אנדערע זאכן נישט. צו מיין מזל האב איך אים נישט אלץ דערציילט.

איך האב נישט געקענט דעם פלאץ און נישט די מענטשן און איך בין געווען אין א לחץ (פרעשער), איך האב געוואלט חתונה האבן (איך בין שוין גע'גט), און זיי האבן גוט אויסגעניצט מיין פארצווייפלטע לאגע.

איך האב גערעדט א סך מאל מיטן "רביץ" פאר דער חתונה. ער איז זייער קלוג און טיכטיק, און קען זייער גוט רעדן, און קען באאיינפלוסן מענטשן אויסער ווי געוויינטלעך.

ער האט זיך אליין געהויבן - אז נאר ער קען מחזיר זיין בתשובה און צוריק שטעלן אידן אויפן ריכטיקן וועג, און אנדערע רבנים זענען גארנישט ווערט.

איך האב חתונה מיט דעם גערעדטן בחור. ביי דער חתונה זענען געקומען אלע חברים פון דעם חתן, און עס מיר נישט גוט געווארן. זיי די חברים האבן געטאנצט ווי משוגע, ווילד, צעלאזן. דאן האב איך אויסגעפונען אז דער חתן פארהיקעט זיך (ער רעדט נישט גוט) און איז געפאלן ביי זיך.

א צייט נאך דער חתונה האט ער אנגעהויבן נישט אהיימקומען טעג און נעכט. ער האט אנגעהויבן רעדן וועגן דעם אז א אשה איז א דבר טמא, וועגן חוה, אלץ נעגאטיוו וועגן א פרוי.

איך האב געפילט אז דאס איז נישט נארמאל, און אז איך בין דא אריינגעפאלן אין א טיפע בלאטע, איך האב זיך נאכגעפרעגט און אויסגעפונען וועגן הרב טאובער. נאך דעם ווי זיי האבן אויסגעפונען אז איך וויל גיין צו הרב טאובער האט מען מיר געווארנט אז אויב איך וועל גיין צו אים וועט מען מיר צובינדן, אריינווארפן אין א זאק און אריינווארפן אין א טייך.

זיינע חברים פלעגן קומען צו אונז אין שטוב און קלאפן אין טיר ווי משוגעים, צעדרייטע. ווי זיי וואלטן נישט געלעבט צווישן מענטשן. עס איז געווארן אוממעגלעך צו לעבן מיט אים און עס איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן ווייל דער "רבי" האט וועגן אלץ געוואוסט.

די סיטואציע איז געווארן אומדערטרעגלעך, איך האב געפילט אז איך קען מער נישט געקענט אויסהאלטן. בכדי זיך צו באווארענען זיי זאלן מיר נישט טשעפען - האב איך געזאגט אז זיי זאלן זיין געווארנט מיר נישט צו טשעפען (ווי זיי האבן געקידנעפט דעם תימנ'ער אינגל) ווייל די "עף-בי-איי" קוקט נאך וואס עס טוט זיך דא.

איין מאל זענען מיר געווען ערגעץ ... דריי אזייגער ביינאכט, און מיין מאן האט מיר נישט געוואלט נעמען. דאס איז געווען אין א שרעקלעכן פלאץ. איך בין אליין אהיימגעלאפן ציטערנדיק.

גלייך נאך דעם האב איך באגעגנט אסתר'ן מיין פריינט. ווען איך בין צוריק אהיים געקומען איז שוין די וואוינונג געווען ליידיג. נאר מיינע קליידער זענען געבליבן, בין איך געקומען מיט א פריינד און גענומען מיינע קליידער.

הרב טאובער האט געראטן מען זאל זיך גט'ן וואס שנעלער. יפה שעה אחת קודם.

איך פאדער אז אין דעם גט זאל זיין געשריבן דער גאנצער אמת, אלץ וואס איז פארגעקומען און אלץ וואס קומט פאר אויך איצט. און אלע שרעקלעכע זאכן וואס זיי טוען אפ.

איך האב געהערט אז זיי גיבן מלקות, און פארשידענע סארטן מלקות און פארשידענע סארטן פאסיק. א קליין קינד פון פינף יאר אלט האט מען אים אפגעגאסן מיט הייסע וואסער פאר דעם וואס ער האט זיך געשפילט מיט א פיר יאריקע מיידעלע. אויף דעם האב איך געפרעגט די רביצין, וואס איז דאס? האט זי מיר געענטפערט, אז דער רבי זאגט - איז עס גוט.

דאס אלץ האב איך אויסגעפונען נאך דער חתונה.

א פארצווייפלטע פרוי